# האַרבע עבֿרי

### פון מ. ווײַנרײַך

## 1

כּדי איך זאָל קענען שאַרפער אַוועקשטעלן די פּראָבלעם, וועל איך בעטן רשות אָנצוהייבן מיט אַן עפּיזאָד פון מײַן אייגענער פּראַקטיק.

אין 1935, ווען דער ייוואָ אין ווילנע האָט אַרויסגעגעבן מײַן בוך „דער וועג צו אונדזער יוגנט“, האָב איך אַן עקזעמפּלאַר דערפון צוגעשיקט אויך צו איינעם אַ גוטן פרײַנד וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ ניו־יאָרקער יידישער צײַטונג. באַלד אויפן אָרט האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז וועגן דעם בוך וועט זײַן אַן אַרטיקל. נאָר דערנאָך איז אַוועקגעגאַנגען אַ חודש און צוויי און צוועלף, און קיין אַרטיקל האָט זיך ניט באַוויזן. איך האָב ניט געמאָנט אויך. אין עטלעכע יאָר אַרום איז מײַן באַקאַנטער געקומען קיין ווילנע, און אין גאַנג פון שמועס האָט ער פאַר מיר מודה געווען, אַז ער האָט ניט געשריבן די רעצענזיע, ווײַל ער האָט  מ י ר  געוואָלט אַ טובה טאָן. וואָלט ער יאָ געשריבן, וואָלט ער דאָס בוך געמוזט אַראָפּרײַסן. ניט חלילה איבער דעם אינהאַלט (מײַן באַקאַנטער איז אַ געוויסנדיקער מענטש, ער וועט ניט גיין זאָגן קיין ברייטע מבֿינות אויף אַ בוך וואָס איז ניט אין זײַן פאַך), נאָר איבער דער  ש פּ ר אַ ך.  סטײַטש, האָט ער זיך געהיצט, וואָס דאַרפט איר ניצן אַזעלכע שווערע ווערטער? צו וואָס האָט איר געדאַרפט אַרײַנשטעלן מאַטעמאַטישע פאָרמלען? ווער בײַ אונדז פאַרשטייט דאָס, ווער דאַרף דאָס?

ווען דאָס זאָל געווען זײַן אַן איינציקער פאַל, וואָלט ניט כּדאַי געווען צו פאַרנעמען דערמיט צײַט. נאָר גענוג אָפט קומט מען דאָך צו יידישע שרײַבערס מיט טענות, אַז זיי שרײַבן „האַרבע עבֿרי“. און איך קען אַפילו ניט זאָגן, אַז די טענה זאָל אַלע מאָל זײַן אַן אומגערעכטע. נאָר זייער אָפט איז זי יאָ אַן אומגערעכטע. אפשר קען מען זיך דעררעדן, ווען יאָ און ווען ניט.

לאָמיר לאָזן מענדעלען, וואָס צו זײַן „קליאַטשע“ האָט מען בשעתו אַזוי פיל באַדאַרפט צולייגן קאָפּ. לאָמיר לאָזן פּרצן, וואָס אויף זײַנע געפּינטלטע אָנצוהערענישן האָט מען געזאָגט שטעכווערטלעך און געשריבן פּאַראָדיעס. לאָמיר נעמען ניט די בעלעטריסטיק, נאָר די פּובליציסטיק און די וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור.

בדרך־כּלל זײַנען די „גרינגעריסטן“ אַוודאי גערעכט, אַז גרינגער איז בעסער. מען רעדט דאָך צו עמעצן, מען שרײַבט דאָך פון עמעצנס וועגן. איז

אויב יענער פאַרשטייט ניט, אָדער ער פאַרשטייט נאָר האַלב, האָב איך געטאָן אַן עוולה ניט נאָר יענעם, נאָר זיך אויך. וואָס זשע איז פאַרט דער מער מיט די וואָס שרײַבן (אָדער רײדן) ניט קיין קלאָרע דיבורים?

נאָך איידער מיר געפינען אויס די תשובה מעגן מיר שוין זאָגן, אַז מסתמא זײַנען ניט אַלע הארבקייטן פון איין מין און ניט אַלע הארבקייטן וואַקסן פון די זעלביקע סיבות און מאָטיוון.

אַ מאָל האָט אַ מענטש ליב צו צאַצקענען זיך מיט זײַן לשון; און פאַראַן מענטשן וואָס האָבן זיך אַזוי אײַנגעוווינט אין ריידן „הויך“, אַז ריידן פשוט קענען זיי שוין ניט אַפילו ווען דער ענין איז אַ פשוטער. צו אַזעלכע „הארבע־ריסטן“ פון פרינציפּ וועגן ליגט מיר ניט דאָס האַרץ. אָבער זייער אָפּט — און אפשר דאָס רוב — שטעקט אין דער „האַרבער עברי“ עפּעס אַנדערש, און אויב איך האָב זי ניט פאַרשטאַנען, דאַרף איך זיך ניט אײַלן צו וואַרפן אַ שטיין. לאָמיר נעמען אַזאַ זאַץ:

אַלע ניט־נאַטוראַליזירטע אימיגראַנטן מוזן זיך רעגיסטרירן אין משך פון אַ חודש צײַט.

בײַ יעדער איינעם פון אונדז קוקט דאָס אויס לויטער־קלאָר. אָבער אויב מיר וועלן איבערלייענען דעם זאַץ נאָך אַ מאָל, וועלן מיר זען, אַז ניט אַלע ווערטער זײַנען דאָ פון איין מדרגה. מען דאַרף משער זײַן, אַז איטלעכער נאָרמאַלער דערוואַקסענער וואָס קען יידיש ווייס דעם טײַטש פון די ווערטער אַלע, ניט, מוזן, זיך, אין, פון, אַ, חודש, צײַט. אָבער אין מײַן זאַץ זײַנען דאָס גראָד די ווייניקער וויכטיקע ווערטער; מען קען ניט מיט זיי אַליין כאַפּן דעם פּשט פונעם זאַץ. מיט משך בין איך שוין ניט אַזוי זיכער, אַז אַלע יידיש־ריידערס וועלן דאָס פאַרשטיין; עס איז אַ מער געהויבענער אויסדרוק. אימיגראַנט איז ניט קיין „אינטעליגענטיש“ וואָרט, אָבער בלי־ספק זײַנען פאַראַן אַ סך מענטשן וואָס זײַנען אימיגראַנטן און ווייסן ניט וועגן דעם. פּונקט ווי יענער העלד אין מאָליערס קאָמעדיע, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן גערעדט פּראָזע און וועגן דעם ניט געוווּסט. נאַטוראַליזירן איז זיכער אַ וואָרט, וואָס אַ סך מענטשן באַגייען זיך אָן דעם. בײַ מיר איז רעכט, אַז עס זײַנען פאַראַן אַפילו מענטשן וואָס האָבן אַרויסגענומען זייערע בירגער־פּאַפּירן און ווייסן ניט, אַז זיי זײַנען נאַטוראַליזירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. רעגי־סטרירן איז אויך ניט פון די ווערטער וואָס יעדער איינער ווייס.

צי קען מען זיך באַגיין אָ ן די אַלע הארבע ווערטער? יאָ, מען קען. איך קען אַ שטייגער אויפבויען דעם זאַץ אַזוי:

אַלע וואָס זײַנען געקומען אַהער פון אַנדערע לענדער און זײַנען נאָך ניט געוואָרן קיין בירגערס מוזן זיך פאַרשרײַבן אין אַ חודש צײַט פון הײַנט אָן.

איך בין ניט זיכער, צי וואָלטן מיר מיט אַזאַ פֿאָרמולירונג יוצא געווען לכל הדעות, ווייל נאָך אַלעמען זיינען געוויס פֿאַראַן מענטשן וואָס לעבן און מאַכן אַ לעבן און ווייסן ניט, וואָס אַ בירגער איז אויך; וואָלט מען דאָס אויך געדאַרפֿט צעקייען און אַריינלייגן אין מויל.

צי האָט זיך עפּעס געביטן פֿון דעם וואָס מיר האָבן אוועקגעשטעלט דעם צווייטן נוסח אַנשטאָט דעם ערשטן? בפֿירוש יאָ. עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז אין ערשטן נוסח האָבן מיר 12 ווערטער און אין צווייטן 25. אפֿשר וועט עמעצער געבן אַן עצה, ווי אַזוי איינצושפּאָרן אַ וואָרט אָדער צוויי; נאָר אַזוי געפּרעסט ווי דער ערשטער נוסח וועט דער צווייטער ניט קענען זיין.

ערשט לאָמיר ברענגען אַן אילוסטראַציע, אַרויסגענומען פֿון אַ יידישער צייטונג פֿון סוף אויגוסט:

> דער שאָס אויף דעם פֿראַנצייזישן „קוויזלינג" וואָס הייסט פּיער לאַוואַל איז אַ וואָרענונג צו אַלע קוויזלינגס אין די לענדער וואָס היטלער האָט איינגענומען.

אַנשטאָט דעם וואָלט דער שרייבער געקאָנט שרייבן:

> דער שאָס אויף דעם פֿראַנצייזישן פֿאַררעטער וואָס הייסט פּיער לאַוואַל איז אַ וואָרענונג צו אַלע פֿאַררעטערס...

דער געדאַנק וואָלט ב ע ר ך געווען דער זעלביקער. נאָר צי וואָלט דורכן צווייטן נוסח דערגרייכט געוואָרן די זעלביקע ווירקונג? געוויס ניט. ווייל זינט קוויזלינג איז געוואָרן אַ שם־דבר דורך דער היטלערס אָקופּאַציע פֿון נאָרוועגיע, קומט עס צו מיינען: אַ פּאָליטיקער מיט דריטהאַלבן נאָכגייערס, וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן אַ יחסן; אַ גאָרנישט, וואָס דאָס אייגענע פֿאָלק זיינס האָט אים פֿיינט און ער האַלט זיך נאָר מיט דעם אָקופּאַנטס חסד; כמו אַ רעגירער וואָס טאַנצט דורכויס נאָך זיין איבערהאַרס פֿייפֿל. די אַלע באַטייטשן וואָלטן געגאַנגען לאיבוד, ווען דער שרייבער זאָל זיך געווען נעמען קווענקלען, צי אַ ל ע ו ו ע ל ן פֿ אַ ר ש ט י י ן דאָס וואָרט קוויזלינג און זאָל געווען ניצן דאָס וואָרט „פֿאַררעטער".

פֿון פֿאַרגלייכן די ביידע פֿאָרלעך זאַצן בעט זיך אַן אויספֿיר:

אויב איך גיב עפּעס איבער „מער פֿאַרשטענדלעך", טרעפֿט גאַנץ אָפֿט איינס פֿון די צוויי: אָ ד ע ר א י ך מ ו ז צ ו ג ע ב ן א י נ ע ם ס כ ו ם ו ו ע ר ט ע ר, אָ ד ע ר א י ך מ ו ז א ר אָ פּ־ ו ו אַ ר פֿ ן א י נ ע ם א י נ ה אַ ל ט. אויב דער ענין איז אַ מער קאָמפּליצירטער, טרעפֿן זיך ביידע זאַכן אין איינעם.

מיט דער פֿראַגע פֿון גרינגערער און האַרבערער שפּראַך האָט מען צו טאָן ניט נאָר אין דער י י ד י ש ע ר פּרעסע. נעמט אויף טשיקאַווען און פֿאַרגלייכט די אַרטיקלען אין אַזוינע צוויי צייטונגען ווי New York Times און Daily News. ביידע ווערן געשריבן אין ענגליש ביידע דרוקן זיך אין ניו־יאָרק, אַזוי אַז וועגן דעם חילוק פֿון אַמעריקאַנער ענגליש ביז

בריטישן ענגליש האָבן מיר ניט וואָס צו קלערן. אָבער ווען אַ מענטש וואָס קען ניט קיין אַנדער שפּראַך ווי ענגליש און קוויקט זיך אַלע טאָג מיט זײַן „ניוז" זאָל על־פּי צופֿאַל אַרײַנבאַקומען אַ „טײַמז", קען זיך גרײַלעך מאַכן, אַז ער וועט געבן דעם נומער אַ טראַסק אין דער ערד. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בלאַט, ווו אויף איין עדיטאָריאַל־זײַט האַקט מען אַרײַן אַ פּאָר צענדליק „אָנגעבלאָזענע" „אינטעליגענטישע" ווערטער פֿון דעם טיפּ
expunge, precursor, satellite, consummate artistry, prosecution, subtlety, .bêtes noires

ווען אַזאַ לייענער זאָל אויף אַן אמת וועלן תּופֿס זײַן דעם פּשט און די באַטײַטשן פֿון די אַלע ווערטער, מיט וועלכע עס איז אָנגעפּיקעוועט די עדיטאָריאַל־זײַט פֿון „טײַמז", — וועט ער בײַ יעדער צווייטן זאַץ מוזן כאַפּן אַ קוק אין אַ ווערטערבוך. פֿאַרקערט ווידער קען געמאָלט זײַן, אַז אַ פּראָפֿעסאָר בן פּראָפֿעסאָר וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער סבֿיבֿה פֿון האַרוואַרד און אויף עטלעכע יאָר האָט מען אים נאָך געהאַט אַראָפּגעשיקט קיין אָקספֿאָרד, ענגלאַנד, ער זאָל זיך דאָרט אָנגעמען מיט גלאַנץ, וועט קוועטשן מיט די פּלייצעס אויף דעם אָדער יענעם אויסדרוק אין די „שטימען פֿון פֿאָלק" אין די „ניוז".

איין שפּראַך, אָבער צוויי פֿאַרשיידענע מדרגות. און דאָס איז ניט אַלץ. פֿאַראַן אַ סלענג, וואָס אַנטקעגן אים שרײַבט די „ניוז" אַ הויכע ליטעראַרישע מליצה; און מיר וועלן באַלד זען, אַז עס זײַנען פֿאַראַן ספּעציאַליסטישע ביכער און זשורנאַלן, וואָס שטענדיקע לייענערס פֿון די „טײַמז" צעבּרעכן אויף דעם די ציין.

## 2

דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן, ווען מען האָט צו טאָן מיט צײַטונגשפּראַך, מיט פּובליציסטישע טעמעס. וואָס נעענטער מיר קומען פֿון פּובליציסטיק צו וויסנשאַפֿט, אַלץ מער ווײַזט זיך אַרויס, אַז די „מער פֿאַרשטענדלעכע" שפּראַך איז ניט נאָר באַריידעוודיקער, ניט נאָר אָרעמער אין אינהאַלט, נאָר זי איז אַ סך *ווינציקער פּרעציז*. און אין וויסנשאַפֿט מוז מען האָבן *פּרעציזקייט*.

פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטן קענען יוצא זײַן מיט פֿאַרשיידענע גראַדן פּרעציזקייט. אין געשיכטע, אין ליטעראַטור־געשיכטע קומען אַרײַן מער „באַשרײַבערישע" עלעמענטן. אין עקאָנאָמיק, אין פּסיכאָלאָגיע, אין לינגוויסטיק פֿאָדערט זיך שוין מער אָפּגעהיטקייט; אין די נאַטור־וויסנשאַפֿטן נאָך מער; אין צום מערסטן, ווי איך פֿאַרשטיי, אין מאַטעמאַטיק. דעריבער וועט אַ דוגמא פֿון מאַטעמאַטיק צום בעסטן קלאָר מאַכן מײַן געדאַנק.

לאָמיר נעמען פּיטאַגאָראַסעס טעאָרעם:

> דער קוואַדראַט פֿון היפּאָטענוז אין אַ גראָדווינקלדיקן דרײַעק איז גלײַך צו דער סומע קוואַדראַטן פֿון די קאַטעטן.

פֿאַר דעם וואָס האָט געלערנט געאָמעטריע איז דאָס לפּי־ערך אַ פּשוטער כּלל, און מען פֿאַרגעדענקט דאָס אויפֿן גאַנצן לעבן. אָבער פּרוּווט דאָס אויסטײַטשן פֿאַר איינעם, וועמען ס'איז ניט אויסגעקומען קיין מאָל לערנען געאָמעטריע. איר קענט אים אויסמאָלן אַ דרײַעק; איר קענט אים ווײַזן, וואָס אַ גראָדווינקלדיקער דרײַעק איז, איר קענט אויסמאָלן די קוואַדראַטן איבער

די זייטן פון די דרייעקן און אַזוי ווייטער; נאָר נאָך אַלעמען וועט איר ניט נאָר האָבן פאַרניצט אַן אַ שיעור מער ווערטער און פאַרלוירן אַ טייל אינהאַלט אַנטקעגן פיטאַגאָראַסעס זאַץ, נאָר די פּרעציזקייט וועט זיך אויך האָבן אויסגעוועבט.

לאָמיך אײַך זאָגן, אַז איך מיין גאָרניט, אַז אַלע מאָל דאַרף מען דאָס זיין אַזוי פּרעציז פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך. עס ווענדט זיך ווו. ווען עמעצער פרעגט ביי מיר, וואָס עס איז אַ גראַדער ווינקל (ער האָט דאָס פּונקט ערגעץ איבערגעלייענט), בין איך ניט מחויב אים צו זאָגן: דאָס מיינט אַ ווינקל פון 90 גראַד, ווייל פון זיין פראַגע וועל איך זיך אָנשטויסן, אַז ער ווייס גאָרניט גוט, וואָס אַ ווינקל איז, און אַז מען מעסט אַ ווינקל אין גראַדן האָט ער אויך ניט געהערט. וועל איך אים בעסער אָנצייכענען אַ גראַדן ווינקל, אָדער ווייזן אים אַ גראַדן ווינקל ערגעץ ווו אין צימער און באַפרידיקן דערמיט אויף דער מינוט זיין נייגעריקייט. ווען עמעצער פרעגט ביי מיר: „וואָס איז אַזוינס אַ וואַכטל?" (לאָמיר זאָגן, אַז ער האָט דאָס אָנגעטראָפן אין יהואָשעס חומש), וועט מסתמא קלעקן דער ענטפער: „אַזאַ פויגל".

אויף אַ מער אַלגעמיינעם שטייגער: אויב מיר ווילן געבן וועגן אַן ענין מערניט אַ ברעקל באַגריף, אָדער אויב מיר זיינען חושד, אַז מער ווי עלעמענ־טאַרע זאַכן קען אָדער וויל אונדזער צוהערער (אָדער לייענער) ניט אויפנעמען, וועלן מיר זיך אין קיין ווייטע דרכים ניט אוועקלאָזן. דאָס איז די סיטואַציע — זאָל צו קיין גנאַי ניט זיין — מיט אַ גרויסן טייל יידישע צייטונג־לייענערס. דער יידישער צייטונג־שרייבער רעדט צו אַן אודיטאָריע וואָס האָט זיך אַרויס־געריסן מיט אייגענע כוחות פון דחקות און קליינשטעטלדיקייט און וואָס איז אָפט מאָל גאַנץ רירעוודיק אין געדאַנק. אָבער קיין שולבילדונג האָט דער יידישער צייטונג־לייענער פון דער אַלטער היים ניט מיטגעבראַכט. טייל מאַנס־בילן האָבן געשאַרפט דעם מוח אויף דער גמרא, און אויב ניט, זיינען כמעט כמעט אַלע, ווער לענגער און ווער וויניקער, געגאַנגען אין חדר; די פרויען אפילו דאָס ניט. מען וויל דאָך אָבער, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין, וואָס מען רעדט צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך קענען אָריענטירן אין די וועלט־געשעענישן. זיינען דעריבער הונדערט מאָל גערעכט די וואָס זאָגן, אַז מען דאַרף „געבן צו פאַרשטיין", און איך בין זיכער, אַז ווען מען זאָל מאַכן אַ פאַרגלייכיקע פאָר־שונג פון פאָפּולאַריזיר־מעטאָדן ביי פאַרשיידענע פעלקער, וועלן אַ סך יידישע צייטונג־שרייבערס באַקומען אַ פרעמיע. און צייטנווייז קומט מיר אויס צו זען אַזוינע לייענערס, אַז עס נעמט זיך מיר דוכטן, אַז וויפל מען צעקײַט איז נאָך ווינציק.

דערמיט וויל איך ניט אויפהייבן איבער אַ נייס די אַלטע מחלוקת וועגן דעם, צי האָט די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פרעסע ג ע מ ו ז ט אַוועקגיין אויף דעם וועג וואָס מיר קענען אַלע, צי וואָלט מען ניט דורך אַן אַנדער פירונג געקענט איינהאַלטן ביי דער יידישער פרעסע אַ טייל עולם וואָס שטעלט אַנדערע פאָדערונגען און באַפרידיקט זיי דורך

לייענען די „טיימז". דאָס איז אַן אומגעהייער וויכטיקע פֿראַגע, אָבער זי ליגט ניט אין דער ספֿערע פֿון שפּראַך־קענטעניש, און ממילא איז ניט אין דער „ייִדישער שפּראַך" דאָס אָרט דעם ענין צו באַטראַכטן.

דאָס איז גערעדט געוואָרן אַנטקעגן פּאָפּולאַריזאַציע פֿאַר מענטשן וואָס האָבן ניט אַרויסגעטראָגן פֿון קיין שום שול סיסטעמאַטישע קענטענישן פֿון געאָגראַפֿיע, געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפֿט אָדער גראַמאַטיק. אָבער מענטשן וואָס קומען פֿון אוניווערסיטעטן און אַפֿילו גרויסע געלערנטע נייטיקן זיך אויך אין פּאָפּולאַריזאַציע. קיין יודע־הכּל איז דאָך ניטאָ. אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער קען זיין גאַנץ קנאַפּ באַהאַוונט אין דעם אויפֿקום פֿון שפּראַכן; אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין געשיכטע פֿון מיטל־עלטער מעג וועלן וויסן כאָטש עפּעס וועגן דער פּראָבלעם פֿון לעבן אויפֿן מאַרס. פֿאַר אַ מענטשן וואָס וויל וויסן ע פּ ע ס וועגן זאַכן וואָס זיינען אים פֿרעמדלעך אָדער פֿרעמד דאַרף מען האָבן פּאָפּולערע ביכער. דער גוטער פּאָפּולאַריזאַטאָר וועט קיין מאָל ניט זוכן איינצורײדן, אַז ער גיט כּולה תּורה אויף איין פֿוס; פֿאַרקערט, ביים לייענער דעם הדיוט דאַרף איבערבלייבן אַ געפֿיל פֿון יראת־הכּבוד: ער דאַרף וויסן, אַז ער האָט נאָר באַקומען צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿונעם ענין און אַז צום ענין גופֿא קען מען צוקומען נאָר דורך אַן אינטענסיוון שטודיום. אָבער אויב דער פּאָפּולאַריזאַטאָר קען די מלאָכה (אָדער זאָל איך זאָגן: די קונסט?) פֿון מסביר זיין, וועט ער אַרויסברענגען די פֿונדאַמענטאַלע פֿאַקטן ניט נאָר קלאָר, נאָר אויך פֿאַרלאָזלעך.

3

וועגן דעם, הייסט עס, זיינען קיין חילוקי־דעות ניטאָ: מען דאַרף האָבן פֿאַר די אויגן דעם לייענער, צו וועלכן מען ווענדט זיך. אָבער דווקא דעריבער טאָר מען ניט פֿאַרגעסן, אַז עס זיינען פֿאַראַן פֿאַלן, ווען עס פּ אָ ד ע ר ט זיך אַ העכערע פֿאָרעם פֿון אויסדרוק.

נעמט אַזאַ פֿאַל: אַ מאַטעמאַטיקער גיט אַרויס אַ בוך פֿאַר מאַטעמאַטיקערס. איך וועל אַריינקוקן אַהין און וועל ניט פֿאַרשטיין. צי איז שייך צו מאָנען, פֿאַר וואָס דער מחבר האָט געשריבן „אומפֿאַרשטענדלעך"? אַז ניט מיך האָט ער געמיינט!

דאָס איז אַן עקסטער פֿאַל. אין געזעלשאַפֿטלעכע וויסנשאַפֿטן איז אָפֿט פֿאַראַן אַ מיגלעכקייט אויסצודריקן זיך אַזוי, אַז ניט נאָר טיפֿע ספּעציאַליסטן זאָלן פֿאַרשטיין. אָבער פֿאָרט איז פֿאַראַן אַ פֿונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן צוויי מינים שרייבן:

אויב איינער איז נאָר אויסן מ ס ב י ר צ ו ז יי ן אַ געדאַנק, הייבט ער אָן פֿון אַלף און דערגייט ביז ב אָדער ביז ג, און אַז פֿיל איז ביז ד. יעמאָלט מעג מען פֿאָדערן פֿון אים פֿאַרשטענדלעכקייט. אָבער

אויב דער שרייבער האָט צו זאָגן (אָדער מיינט, אז ער האָט צו זאָגן — דאָס איז שוין אַן ענין פאר די פאכלייט צו פסקענען, צי ער איז גערעכט) עפּעס א י י ג נ ס וועגן אַן ענין, אויב ער גייט עפּעס מ ח ד ש זיין, יעמאָלט קען שוין פארשטענדלעכקייט ניט זיין די העכסטע מאָס. וואָס פאַר־שטענדלעכער, אלץ בעסער, אָבער דער עיקר איז יעמאָלט דער א ו י פ ט ו.

א לייענער האט זיך אנומלט געקלאָגט אין „טיימז“ (יולי 6, 1941: Simpler Language Wanted) אז מען קען ניט פארשטיין די ווערק פון אמעריקאַנער אוניווערסיטעטישע פילאָ־סאָפן. פאר א ראיה האָט ער געבראכט אזא זאץ פון א בוך:

in the becoming of an actual entity the potential unity of many entities — actual and non-actual — acquires the real unity of the one actual entity; so that the actual entity is the real concrescence of many potentials.

און ער האָט געמאָנט: וואָס האָט דער מחבר ניט געקענט ריידן קיין קלאָרע דיבורים, אז יעטווידער אינטעליגענטער מענטש זאָל דערפון קענען נהנה זיין?

דער ענטפער איז א פנים: דאָס איז ניט געווען געשריבן פארן דורכשניטלעכן אינטע־ליגענטן לייענער, דער שרייבער האָט געהאט אין זינען מערניט זיינע פאכלייט. אויב א זייַ־טיקער האָט דאָס גענומען לייענען, איז ביי אים די ברירה צו פארמאכן דאס בוך אין מיטן.

לאָמיר נעמען אויף טראף עטלעכע דוגמאות, וועט אונדז יעמאָלט זיין גרינגער צוצוקומען צום תוך.

פון אַ ל י ט ע ר אַ ט ו ר־ו ו י ס נ ש אַ פ ט ל ע כ ע ר אַרבעט:

„די ווירקונג פון אזא אָריגינעלן עפּאָס ווי „שמואל-בוך“ (ווי אויך פון דער פרעמדער נאָוועלע) האָט זיך געלאָזט שטארק פילן אין דער גאָרער ליטעראטור. נישט בלויז וואָס מען האָט דאָס נאָכגעמאכט און נאָכגעזונגען מיט אַנדערע ביבל-סוזשעטן און לידער, — מען האָט מחמת דעם געמוזט צום טייל ענדערן די מעטאָדע פון דער מוסר־פּראָפּאגאנדע אויך, פארשלייערן זי אין א מאָדערנערן לבוש. דאָס „מעשה־בוך“ וואָס וויל געבן „כל התורה אויף איינעם פוויש [פוס]“ שטרעבט שוין דאָס צו טאָן נישט בלויז מיט שטראָפרייד און מאמרי חז“ל, נייערט מיט מעשיות, מיט געוויסע סוזשעטן וואָס זאָלן ווירקן מיט זייער דערציילערישער בילדערלעכער קראפט.“

ניט אַלץ איז דאָ אין מיין גוסט; איך שרייב ניט נייַערט; איך וואָלט אַנשטאָט „בילדערלעך“ געשריבן בילדעריש, און געוויס וואָלט איך „ענדערן“ געביטן אויף בייַטן. אָבער דאָ גייט וועגן דער ש י ט ה.

אַן אויסצוג פון אַ ל י נ ג ו ו י ס ט י ש ע ר אַרבעט:

„דער מחבר... קען דעריבער ניט אײַנזען, אז דער פאָרמאַליזם אין דער ליטעראטור־קריטיק למשל איז גאָר פון אַן אַנדער מין און מוז פירן צו גאָר אַנדערע רעזולטאטן ווי דער פאָרמאַליזם אין גראמאטיק, וואָס זי איז אין תוך געווען ביזן פאָרמאַליזם נאָך מער פאָרמאַליסטיש! די גאָרע לאָגיש־טישע גראמאטיק איז אין תוך ביז גאָר פאָרמאַליסטיש, נאָר וואָס דען? איר פאָרמאַליזם איז אַ דרויסנדיקער, פון אַבסטראַקטע לאָגישע קאטעגאָריעס.“

אין אונדזער זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך“, וואָס זײַן אויסקוק איז אויפֿן אַלגעמיינעם אינטעליגענטן לייענער, וואָלט דאָס געווען צו שווער. אָבער אײַ אַ ריין ווּיסנשאַפֿטלעכער אויסגאַבע — וואָס קען דער מחבר טאָן אַנדערש? ווען ער זאָל נעמען פֿריִער אויסטײַטשן, וואָס דאָס איז אַזוינס עפּאָס, נאָוועלע, מאמר חז״ל, סוזשעט; פֿאָרמאַליזם, לאָגיסטישע גראַמאַטיק, אַבסטראַקט, לאָגישע קאַטעגאָריעס, וואָלט ער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. ער קען ניט אָנהייבן פֿון אַלף; ער מוז אָנהייבן באַלד פֿון ד צי פֿון ה, כּדי ער זאָל קענען גיין פֿאָרויס.

איך וואָלט געקענט ברענגען ציטאַטן פֿון פּסיכאָלאָגישע אָדער סאָציאָ־לאָגישע אָדער עקאָנאָמישע אָדער היסטאָרישע אַרבעטן, ווו מען שאַפֿט זיך פֿרײַ מיט אַזוינע באַגריפֿן ווי קאָעפֿיציענט, פּאָזיטיווע קאָרעלאַציע, קרומעס, פּסיכישער מעכאַניזם; קיבוץ, יחיד, אויפֿפֿיר־פֿורעם, סימבאָל; פּראָדוציר־כּוחות, נאַטירלעכער צוואַקס, שאַצונג, מוסטערונג; פֿעאָדאַליזם, קאָדעקס, דאָגמאַטיק. אָבער ס׳איז רעכט אָן דעם, דער געדאַנק איז שוין, ווײַזט מיר אויס, קלאָר. מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז דאָס איז ניט נאָר אַ פֿראַגע פֿון אויסטײַטשן איינציקע ווערטער אָדער באַגריפֿן. ווען ס׳זאָל געווען גיין נאָר אין די דעפֿיניציעס, וואָלט מען געקענט צוגעבן צו יעדער אַרבעט אַ ווערטערביכל, און דער דרויסנדיקער לייענער וואָלט זיך דערין אײַנגעקוקט. עס פֿאָדערט זיך נאָך צו קענען די יסודות פֿון דער ווּיסנשאַפֿט, וואָס וועגן איר רעדט זיך דאָ, און בײַ העכערע ספּעציאַליסטישע אַרבעטן איז ניט גענוג צו קענען די יסודות, מען דאַרף שוין זײַן אַ בקי.

ווען אַ בקי שרײַבט פֿאַר בקיאים, איז ניט שייך צו קומען מיט טענות. מיר מעגן דעם בריוון־שרײַבער פֿון „טײַמז“ גלייבן אָן אַ שבועה, אַז ער האָט דעם ציטירטן זאַץ ניט פֿאַרשטאַנען. אָבער פֿון דעסט וועגן איז ער ניט געווען באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז מ ע ן פֿאַרשטייט דאָס ניט. אַוודאי, אויף צען טויזנט לייענערס וואָס פֿאַרשטייען דאָס נ י ט איז פֿאַראַן הלוואַי איינער וואָס קען דאָס יאָ תּופֿס זײַן, און דער איינער וועט זיך מסתּמא אויך גוט מוזן אונטערגאַרטלען. נאָר אויב דער מחבר רעזיגנירט פֿון דער ג ר ו י־ס ע ר צ אָ ל לייענערס בכדי פֿירצובריינגען חידושים פֿאַר עטלעכע הונדערט צי אַפֿילו פֿאַר עטלעכע צענדלינג „יודעי־חן“, איז ער זייער גערעכט. פֿון פּאָפּולערע הסברות קען די ווּיסנשאַפֿט ניט פּראָגרעסירן.

4

דאָס יאָ: מען קען פֿרעגן, צי ס׳איז כּדאַי צו שרײַבן אַזעלכע זאַכן א ו י ף י י ד י ש.

די שיטה פֿון ייִוואָ איז:

דער ייִדישער ווּיסנשאַפֿטלער מעג אויך שרײַבן העברעיִש, אויב ער גייט עפּעס מחדש זײַן אין זײַן פֿאַך. ניט נאָר ער מ ע ג, נאָר ער ד אַ ר ף

שרײַבן האַרב, אויב ער קען די גרעסערע פּשטות קויפֿן נאָר פֿאַרן פּרײַז פֿון פֿלאַכקייט. אויב אײנער קריטיקירט די האַרבקייט פֿון דער שפּראַך, איז אַדרבא, זאָל ער זיך מטריח זײַן ווײַזן, ווי אַזוי ע ר וואָלט דעם זעלביקן ענין אַרויסגעבראַכט גרינגער.

מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז די ביזאַנטיקע אַנטוויקלונג פֿון קולטור בײַ ייִדן האָט אונדז ניט געשאַפֿן קיין אַקאַדעמיש צוגעגרייטן לייענער־פֿאַכמאַן. האָבן מיר זיך גענומען ה אָ ד ע ו ו ע ן א לייענער. ווען מיר דרוקן אַרבעטן וואָס זײַנען אויף דער הייך פֿון אַקאַדעמישן דורכשניט, מוזן מיר זיך רעכענען דערמיט, אַז אַ טייל וועט פֿאַרבײַגיין פֿאַרבײַ אונדזער לייענער; אָבער ער וואַקסט מיטן וווּקס פֿון ייִוואָ. די איינציקע זאַך וואָס איז נייטיק איז: דער לייענער זאָל וועלן צ ו ל י י ג ן ק אָ פּ, און טאָמער האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען בײַם ערשטן מאָל, זאָל ער דאָס איבערלייענען נאָך אַ מאָל.

איך מוז זיך אומקערן אויף אַ רגע צו דער שפּראַך פֿון דער פּרעסע און צו מײַן גוטן פֿרײַנד וואָס האָט ניט געוואָלט אַראָפּרײַסן דעם „וועג צו אונדזער יוגנט". אַזוי ווי ער האָט מיך ניט געשאָנעוועט, האָב איך אים אויך ניט געשוויגן און אים אויך געזאָגט, וואָס איך מיין: אַז ווען ער זאָל לייענען אַזאַ בוך ווי מיינס אין ענגליש, וואָלט ער קיין פּרעטענזיע צו דער שפּראַך ניט געהאַט; אַז דורך אָפּאַרבעטן אַ פּאָר צענדליג יאָר אין אַ צײַטונג איז ער אָפּגעוווינט געוואָרן צו לייענען אין ייִדיש וועלכע ס'איז האַרבערע זאַך; אַז ס'איז אַזוי ווי איינער וואָס מען קאָרמעט אים כּסדר מיט קאַשע, קען ער זיך דערנאָך קיין עצה ניט געבן מיט זײַנע ציין בשעת מען דערלאַנגט אים אַ שטיק פֿלייש.

בײַ אונדזערע צײַטונג־שרײַבערס איז דאָס אַגבֿ אויך מער אַ ט ע אָ ר ע ט י ש ע פֿאָר־מולירונג, דערהויפּט אין פּאָלעמיקעס קעגן י ע נ ע ם, אַז מען דאַרף זיך היטן ווי פֿאַר פֿײַער פֿאַר יעדער העכערן אויסדרוק. אין דער פּראַקטיק איז מען גאָרניט אַזוי אָפּגעהיט, ווײַל מען ווייס, אַז עס איז אויך פֿאַראַן דאָס וואָס מען רופֿט „דער בעסערער לייענער", וואָס אָדער ער איז יאָ אַ מאָל געגאַנגען אין אַ שול, אָדער די צײַטונג גופֿא האָט אים אויפֿ־געהויבן. פֿון א י י ן זײַט פֿון דער צײַטונג, ווי עס שרײַבט מײַן אַקערשט דערמאָנטער באַקאַנטער, האָב איך אַקערשט אויסגעשריבן די ווײַטערדיקע האַרבע ווערטער, און איך האָב נ י ט געענדיקט די זײַט:

קאָמערציעלער אַטאַשע, מאָראַל, אַסיגנירט די סומע פֿון (מיך האָט דאָס וואָרט אַסיגנירן ספּעציעל אונטערגעקויפֿט, ווײַל ס'איז דאָך פֿון די א י י ר אָ פּ ע י ש ע אינטעליגענטישע ווערטער, to assign אין ענגליש ניצט מען דאָך מיט אַן אַנדער טײַטש), פּלאַקאַטן (אויך דאָס אייגענע; אויף ענגליש איז placard, און מען ניצט עס ניט איבעריקס אָפֿט), די קאָנ־פֿליקטן וואָס שפּילן זיך אָפּ, סענסיטיוו, לאַבאָראַטאָריעס, אַ מין מאַניע, אין אונדזער אוני־ווערס, עקאָנאָמישער דרוק.

אין דער פּראַקטיק וואָלט איך געווען אַ מחמיר בײַ טייל ווערטער וואָס אונדזערע זשור־נאַליסטן ניצן יאָ: אַ שטייגער אַזאַ וואָרט ווי אוניווערס וואָלט איך אויסגעמיטן אין אַ צײַ־טונג־אַרטיקל. אָבער מירריידן איצט ניט וועגן איינציקע ווערטער, וואָס וועגן זיי קען מען זײַן מחולק, נאָר וועגן דעם אונטערשייד צווישן צוויי ש י ט ו ת.

עס קען זײַן נאָך אַ פֿראַגע: ווּ איז די ראַיה, אַז דער מחבר פֿון אַזאַ „האַרבער" אַרבעט איז טאַקע אַן אויפֿטוער? דאָס איז אַ באַרעכטיקטע פֿראַגע, און אויב דער אָפּפֿרעגער האָט אויף דעם זעלביקן פֿעלד געאַרבעט מער ווי דער שרײַבער, וועט מען זיך צו אים צוהערן. ביזן ייִוואָ איז קיין ייִדישע וויסנשאַפֿט ניט געווען, ס'זײַנען נאָר געווען איינציקע וויסנ־שאַפֿטלעכע ביכער. דער ייִוואָ אַרבעט סך־הכּל זעכצן יאָר, און בײַ זײַנע באַגרענעצטע

מיטלען גייט ער פאָרויס ניט געגוג גיך; האָבן מיר בײַ הײַנטיקן טאג מערניט אָנהייבן פון א וויסנשאַפטלעכער עפנטלעכער מיינונג. מערניט אויף געציילטע עטלעכע פעלדער האָבן מיר פארלאָזלעכע פאכקריטיקערס, און דאָס רוב לאָזט זיך בײַ אונדז א „פרײַנדלעכע" רעצענזיע אויס מיטן פיזמון, אז „דאָס בוך איז א פײַנער צושטײַער צו אונדזער אָרעמער וויסנשאפטלעכער ליטעראטור." פון אזא אָפּרוף ווערט א מחבר ניט קליגער, און דעריבער מיין איך, אז עס זײַנען פאראן סיטואציעס, ווען א ייִדישער וויסנשאפטלער דארף זיך שטעלן צום מישפּט פון דער ניט־ייִדישער אקאדעמישער וועלט — ניט ווײַל איך האלט אזוי שטאַרק פון גויים, נאָר ווײַל איך פלײַס זיך צו זײַן רעאליסטיש. אָבער באנוגענען זיך מיט אָט דעם אפּעל צו פרעמדע מבינים וועט א ייִוואָ־מענטש קיין מאָל ניט, ווײַל דעם אימפּעט פאר דער ארבעט און די הנאה פון דער ארבעט גיט דאָך אונדז דווקא די ייִדישע סביבה.

גראָד זײַנען די אויסגאבעס פון ייִוואָ פונעם ערשטן טאָג „געגאַנגען" אַ סך בעסער איידער אַ סך אַנדערע „גרינגערע" ביכער; פון טייל האָבן מיר געדרוקט עטלעכע אויפלאַגעס. אָבער דאָס איז נאָר אַ צוגאָבפרייד, דאָס האָט ניט צום תוך. אַפילו ווען מיר זאָלן געוווּן האָבן נאָר ל"ו לייענערס וואָס ווייסן גענוג און ווילן צוליגן קאָפּ, וואָלטן מיר אויך געגאַנגען מיטן זעלביקן וועג. מיר האָדעווען אַ לייענער, ווײַל מיר ווילן אַ נאַציאָנאַלע קולטור וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ ביים אונטערשטן שטאַפּל; און נאָך די ערשטע פופצן יאָר טעטיקייט האָבן מיר אין מיזרח־אייראָפּע געקענט זאָגן, אַז מיר זײַנען ארויס אויפן דרך־המלך.

וואָס פאַר אַ באַדינגונגען מוזן זײַן, בכדי אַ שפּראַך זאָל זיך קענען הייבן פון די נידעריקערע שטאַפּלען אויף די העכערע אַרויף?

ראשית, פאַרשטייט זיך, מוז זײַן אַ מאַסע וואָס רעדט אויף דער שפּראַך אויף אַ נאַטירלעכן אופן אין איר טאָגטעגלעכן אינטימען באַנוץ. אויב אַ שפּראַך ווערט באַנוצט נאָר אין אָפּיציעלע, אומפּערזענלעכע באַציונגען און קיין היימישע, היימלעכע פונקציע האָט זי ניט, פעלט איר די נאַטירלעכקייט; און דער מענטש וואָס רעדט אויף איר מאַכט אַן איינדרוק ווי ער וואָלט כסדר געגאַנגען אויף שטאָלצן. אָבער אַנטקעגן דעם שטייט דער

תנאי נומער צוויי: אויב אַ שפּראַך איז נאָר אַ היימשפּראַך, „אַ האַרץ־שפּראַך", און זי האָט ניט קיין דריסת־הרגל אין די העכערע און אומפּערזענלעכע פאָרמען פון סאָציאַלן צוזאַמענלעבן (געשעפט, אָרגאַניזאַציע; אַדמיניסטראַציע, געריכט; ליטעראַרישע שאַפונגען, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע) ווערט זי געגליכן צו אַ בוים, וואָס מען האַקט כסדר אָפּ זײַנע צווײַגן ווי נאָר זיי גיבן אַ שפּראָץ אַרויס.

אַ דריטער תנאי: עס מוזן זײַן שפּיצן פון דעם פאָלק וואָס זאָלן טראַכטן וועגן הייבן די שפּראַך, וועגן אויסאיידלען זי. עס קען געמאָלט זײַן, אַז די מאַסע שלעפּט זיך נאָך אַרום מיט איר לשון, נאָר קיין פירערס זײַנען שוין אין גאַנצן נישטאָ. אַזאַ סיטואַציע איז געווען בײַ די אוקראַינער, בײַ די לעטן, בײַ די ליטווינער אַאַז"וו אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, ביז וואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער נאַציאָנאַלע אויפלעבונג. אַזאַ סיטואַציע איז געווען בײַ

יידיש־ריידנדיקע יידן אין אונגערן, אין אַלט־רומעניע: דער המון האָט גערעדט יידיש, אָבער די העכערע האָבן דערפֿון ניט געוואָלט וויסן. טאָמער האָבן זיי שוין יאָ אַ מאָל געשריבן פֿאַר דער מאַסע, האָבן זיי געשריבן דייטש מיט יידישע אותיות.

אַ פֿערטער תּנאַי: עס מוזן זיין קאַנאַלן, דורך וועלכע די שאַפֿונגען פֿון די שפּיצן גייען אַריין אין דער מאַסע. ביי היינטיקן טאָג זיינען די וויכטיקסטע קאַנאַלן פֿון דעם מין: פּרעסע, ראַדיאָ, ליטעראַטור און — לויט דער חשיבֿות וואָלט מען דאָס געדאַרפֿט אָנרופֿן אויפֿן ערשטן אָרט — די שול. אויב די אַלע קאַנאַלן זיינען אָפֿן, פֿאַרמאָגט די שפּראַך אַ געוויסן סאָציאַלן פּרעסטיזש וואָס גיט איר אַ מיגלעכקייט זיך איינצוהאַלטן און צו מאָל זיך צו אַנטוויקלען, אויב דאָס איז אַפֿילו אַ שפּראַך פֿון אַ מינאָריטעט.

וואָס איז פֿאַראַן פֿון די דאָזיקע עלעמענטן אין יידיש? אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿאַרשיידן. דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן ווען פֿאַרמאָגט איז געווען ווילנע אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. כּוחות וואָס האָבן געריסן פֿון אונדז שטיקער און געטריבן צו שפּראַך־דעגראַדאַציע האָבן דאָרטן אויך ניט געפֿעלט. אָבער פֿאַרט איז געווען די גרויסע מאַסע יידן וואָס האָט גערעדט יידיש אויף אַ נאַטירלעכן שטייגער. עס איז געווען דער סטאַנדאַרד פֿון אַ העכערן יידיש וואָס האָט זיך געצויגן פֿון מענדעלען ביז דעם ייוואָ; און עס איז געווען אַ גוט געלייענטע יידישע פּרעסע און אַ גענוג געדיכטע נעץ שולן אין יידיש, אָנפֿאַנגשולן און מיטלשולן, אַז די דערגרייכונגען פֿון די שפּיצן זאָלן זיך פֿונאַנדערטראָגן ביז אין די וויטע ווינקעלעך אַריין. עס איז קיין חידוש ניט, וואָס געסט פֿלעגן זיך חידושן, ווי גוט און דער עיקר ווי נאַטירלעך פּשוטע מענטשן אין ווילנע ריידן אין יידיש וועגן העכערע ענינים.

מיר אינעווייניקסטע זיינען ניט אַלע מאָל געווען אין אַזאַ התפּעלות. אָפֿט האָט זיך אונדז געדוכט, אַז אונדזערע אינטעליגענטן ריידן צו געקינצלט, אַז זיי שפּירן ניט דעם טעם פֿון אַ געזונט פֿאָלקסווערטל, אַז אַ מאָל זעצן זיי פּשוט איבער פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך. אָבער דאָס זיינען געווען קינדער־קראַנקייטן. מיר האָבן געזען בחוש, ווי דערגרייכונגען פֿון יידיש ערגעץ ווו אין דער וויטנס קומען אָן צו אונדז גאַנץ גיך און ווערן פֿאַראייגנט. טויזנטער אינטעליגענטע יידן אין ווילנע האָבן זיך אויסגעלערנט זאָגן דאָס (ניט „דער") לעבן, דאָס (ניט „די") שטיבל, אַ געזונט (ניט „געזונטער") פֿאָלק — אַלץ ניט־ליטווישע גראַמאַטישע פֿאָרמען; זיי האָבן אַריינגענומען אין זייער שמועסשפּראַך פֿיל צענדליגער אויסדרוקן ווי אויסטערליש (פֿון פּוילישן יידיש), פֿון דער גאָרער וועלט (פֿון אוקראַינער יידיש), בלאָפֿער (פֿון אַמעריקאַנער יידיש), אומקום (פֿון פּאָעטישע נייַשאַפֿונגען), פּרטימדיק (פֿון די פּראָזאַישע נייַשאַפֿונגען). נאָך מער ווי דאָס: פֿון דער שפּראַך פֿון אינטעליגענטע יידן אין ווילנע איז אין איין דור כּמעט ווי פֿאַרשוווּנדן געוואָרן „דער סאַבעס־דיקער לאָסן" — דער פּלאָנטער צווישן ש און ס. אַזוי האָט ווילנע איבערגענומען מאַסן יידישע שפּראַך־עלעמענטן פֿון אַנדערע מקומות אין דער זעלביקער צייט וואָס אין וואַרשע און אין לעמבערג און אין טשערנאָוויץ האָט מען זיך געלערנט יידיש ביי ווילנע.

איך האָב דאָ גענומען ווילנע נאָר ווי אַ סימבאָל; אין אַ קלענערער מאָס איז דער זעלביקער פּראָצעס אָנגעגאַנגען אומעטום, ווו מען רעדט יידיש.

בכדי אַ שפּראַך און אַ קולטור זאָל שטײַגן, איז ווינציק צו האָבן אַ ברייטן עולם מיט אַ שמאָלער בילדונג; ס'דאַרף אויך זײַן אַן עולם — זאָל זײַן אַ שמאָלער — מיט אַ ברייטער און טיפער בילדונג.

איך הער שוין די תּשובֿה: דאָס איז געווען אין „יוראָפּ“, איצטער זײַט איר אין אַמעריקע. נו, אונדזער אויסקוק מוז זײַן, אַז מיר וועלן האָבן צוריק פֿאַר ייִדיש, אין בעסערע באַדינגונגען, ניט נאָר ווילנע און וואַרשע און לעמבערג און טשערנאָוויץ, נאָר אויך מינסק און קיִעוו און וויטעבסק און מאָהילעוו. און וואָס זאָלן מיר עפּעס אַמעריקע אין גאַנצן אוועקמאַכן מיט דער האַנט? אין דעם מאָמענט, ווו איר רעזיגנירט פֿון דער פּרעטענזיע צו ריידן צו הונדערטער טויזנטער, פֿאַרשפּאָרט איר דאָ אויך צו טראַכטן כּסדר וועגן דעם, אַז מסתּמא וועלן אײַערע רייד גרייכן נאָר צו עם־הארצים. עטלעכע טויזנט מענטשן האָט איר דאָך דאָ געוויס, וואָס איר קענט ריידן צו זיי ווי אַ גלײַכער צו גלײַכע.

מיט איין וואָרט: מען דאַרף אַלע מאָל טראַכטן וועגן דעם ע ו ל ם, פֿאַר וועלכן מען שרײַבט. אויב מען איז אויסן אַ ברייטן עולם, דאַרף מען בלײַבן אין די גרענעצן פֿון עלעמענטאַרקייט. און פֿאַר וועמען מען זאָל ניט שרײַבן, דאַרף מען זיך ניט אויספּײַנען מיט הויכע ווערטער, ניט אָנגאָרענען קיין זאַצן אויף זאַצן. מען דאַרף ריידן ווי ווײַט מיגלעך פּשוט, ניט געקינצלט. אָבער וואָס הייסט ו ו י ו ו ײַ ט מ י ג ל ע ך? מען האָט איין מאָל געפֿרעגט: ווי הויך דאַרף אַ מענטש זײַן געוואַקסן, איז דער ענטפֿער געווען: אַ מענטש דאַרף זײַן אַזוי געוואַקסן, אַז זײַנע פֿיס זאָלן גרייכן ביז דער ערד. מען דאַרף זען קיין מאָל ניט שרײַבן האַרבער ווי עס פֿאָדערט די מדרגה וואָס מען האָט אין אויג.